

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' **אביגדור מיללער** ז"ל

## פרשת ויצא

# שטייגן אויפן לייטער

**פרנס השבוע**

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת ויצא

# שטייגן אויפן לייטער

זונטאג אינדערפרי. דער טאטע, אינאיינעם מיט אברהם און צבי, זענען אנגעקומען אין שול און זיך געשטעלט דאווענען שחרית. זיי האבן אנגעהויבן מיט ברכות און דערנאך פסוקי דזמרה, מיינענדיג אז עס וועט זיין א שחרית ווי יעדן טאג. פלוצלונג, האט זיך געהערט א ווילדער קנאק ביים טויער פון שול. אלע האבן זיך דערשראקן און זיך אויסגעדרייט צו זען אויב עפעס איז געשען דא? ניין, גארנישט עקסטער, נאר צדוק הצדיק איז אריינגעקומען אין שול מיט א גרויסע צעקראכטע לייטער, און עס אריינגעשלעפט אין שול, מיט א רעש און געטומל.

עס איז אים בכלל נישט אנגעאנגען אז יעדער קוקט אויף אים, ער האט יעצט עפעס וויכטיג צו טון. ער שטעלט אוועק דעם לייטער פונקט אינמיטן פון שול, און קלעטערט ארויף אויף דעם. און דארט פון אויבן, נעמט ער ארויס זיין סידור און הייבט אן צו דאווענען, כאילו, אלעס איז ווי געווענליך.



דער מנין, וועלכע האבן יעצט געהאלטן אינמיטן דאווענען, האבן צוריק אראפגעלאזט זייערע אויגן צום סידור, זיי האלטן יעצט אינמיטן דאווענען, זיי ווילן נישט מפסיק זיין.

נאכ'ן דאווענען איז הרב ליבער, דער רב פון שול צוגעגאנגען צו דער לייטער און ארויפגעקוקט צו צדוק, "א גוט מארגן, צדוק, וואס מאכסטו עפעס?"

„אה, הרב ליבער, אלעס איז אין בעסטן ארדענונג ביי מיר," האט צדוק אראפגעשריגן פון הויכן לייטער. „און עס קומט זיך מיר א גרויסן מזל טוב! היינט בין איך געווארן א צדיק גמור!"

„אוהא, א צדיק גמור?! ווער וואלט זיך געראכטן אויף אזאנס? און איך שטעל מיך פאר, אז דאס האט עפעס צו טון מיט דעם גרויסן לייטער וואס דו האסט דא אוועקגעשטעלט פונקט אינמיטן שול, אַה?" האט דער רב געפרעגט, „די לייטער וואס האט געמאכט א לאנגער קריץ אין וואנט, וואס מיר האבן נאר לעצטענס איבערגעקאלעכט."

„אוי וויי, איך בעט אייך איבער, מ'קען ארויפקריכן אויף מיין לייטער דאס צו איבערקאלעכן..." האט צדוק פארגעשלאגן מיט גרויס גוטסקייט.

הרב ליבער האט געמוזט פארמאכן די אויגן פאר עטליכע סעקונדעס צו צוריקבאקומען זיין גלייכגעוויכט, דערנאך האט ער זיך אנגערופן: „אפשר ווילסטו אראפקומען פון לייטער אז דו זאלסט מיר קענען מסביר פינקטליך וואס דא קומט פאר?"

צדוק איז פארזיכטיג אראפגעקראכן פון לייטער און זיך געשטעלט קעגן דעם רב מיט יראת הכבוד. ער וועט אים דערציילן ווי מען ווערט א צדיק אין איין טאג.

„גערערטער רב," האט צדוק אנגעהויבן, „ווען דער שופט האט מיר פריי געלאזט פון תפיסה, האב איך זיך פארגענומען מיטן גאנצן הארץ אז איך וועל אי"ה ווערן א צדיק. דער רב פון תפיסה, הרב גראסבערג האט מיר מסביר געווען אז דער לייטער פון יעקב אבינו'ס חלום לערנט אונז ווי אזוי א איד דארף ארויפקלעטערן אויפן לייטער פון יראת שמים צו ווערן א צדיק.

דער רב פארשטייט?" האט ער זיך פרובירט צו מסביר זיין, „דאס איז עס, א גרויסער לייטער, ביז צום דאך, און יעצט בין איך שוין דער גרעסטער צדיק פון די גאנצע וועלט..."

אברהם און צבי וועלכע זענען ביז יעצט געשטאנען אין זייט, האב געברענגט א קאווע פארן רב.

„א גרויסן יישר כח, אינגלעך!" האט דער רב זיי ווארעם באדאנקט. דער רב האט געמאכט א הויכן ברכה און גענומען א זיפ. ער האט געגעבן א טיפער אטעם און זיך צוריקגעקערט צו צדוק.

„אוי, צדוק, קודם כל, א לייטער באלאנגט נישט אין א שול. א צדיק וועט קיינמאל נישט אריינקומען אין א שול מיט א לייטער צו שטערן די אנדערע מתפללים פון דאווענען. און צווייטנ'ס, סתם ארויפקריכן אויף א לייטער וועט דיר נישט מאכן פאר א צדיק. דו מיינסט אז מ'קען ווערן א צדיק דורך קריכן אויף לייטערס? א צדיק ווערט מען ווען מען ארבעט אויף די מידות, מען דאווענט ווי עס דארף צו זיין, מען טוט מצוות און מען דינט דעם באשעפער."

„אבער רבי," האט צדוק נישט פארשטאנען, „הרב גראסבערג האט מיר אליינס געזאגט אז דער סוד פון ווערן א צדיק, איז צו קריכן אויפן לייטער. מען לערנט עס ארויס פון יעקב אבינו'ס חלום. וועלכע לייטער האט ער געמיינט צו זאגן?"

"דו פרעגסט גוט, צדוק. דו ווילסט וויסן וואס דער לייטער פון יעקב אבינו'ס חלום לערנט אונז? וועל איך דיר, מיטן אויבערשטנ'ס הילף, מסביר זיין.

קוק אויף דיין לייטער דא אינמיטן פון שול," האט הרב ליבער אנגעוויזן, "דו זעסט אז עס איז צאמגעשטעלט פון אסאך טרעפ, ווייל מען קען נישט אנקומען צום שפיץ פון לייטער, מיט איין שפרינג. מען מוז ארויפגיין איין טריט אויפאמאל.

דאס זעלבע איז אין עבודת השם. א מענטש קען נישט געבן א קלאפ מיטן פינגער און - אופססס - ער איז געווארן א צדיק. מען דארף האבן אסאך צייט און געדולד צו ארבעטן זייער צוביסליך, טון גוטע מעשים און טראכטן ריינע מחשבות. און אזוי קען מען דערגרייכן צו ווערן א צדיק גמור.

קוק אויף אברהם און צבי," האט דער רב געצייגט אויף די צוויי ערליכע אינגלעך, "פאר זיי איז קיינמאל נישט בייגעפאלן צו ברענגען א לייטער אין שול! אבער וואס יא? זיי שטייגן אויף די ריכטיגע לייטער פון יעקב אבינו.

א יאר צוריק האט אברהם מחליט געווען צו ווערן א צדיק ביים דאווענען און ער האט צוביסליך אנגעהויבן צו קלעטערן אויפן לייטער . ער האט אנגעהויבן מיט די ברכות פון שמונה עשרה. די ערשטע וואך האט ער ארויסגעזאגט איין ברכה מיט כוונה. די צווייטע וואך האט ער צוגעלייגט נאך א ברכה מיט כוונה, און די דריטע וואך האט ער צוגעלייגט א דריטע ברכה, און אזוי ווייטער יעדע וואך. יעצט קוק ווי ער דאוונט! ער איז א צדיק ביים דאווענען!

און דא איז צבי. ער איז געווארן א צדיק, דורכדעם וואס ער האט זיך אויסגעצייכנט אין דער מידה חסד. אויך ער האט געקלעטערט נאר איין טריט אויפאמאל. ער האט אנגעהויבן מיט איין חסד א וואך, און ווען ער איז שוין געווען איינגעוואוינט מיט דעם, האט ער צוגעלייגט נאך א חסד, צוויי מאל א וואך. אזוי איז ער ארויף אויפן לייטער, א טריט נאך א טריט. און קוק אים אן, היינט ווייסט יעדער אין שול אז ווען מען דארף א טובה, איז צבי דער אדרעס; ער איז דער חסד צדיק!"

הרב ליבער האט געשמייכלט צו צדוק, "פון היינט מאל אן דארפסטו מער נישט דעם פארקראכטן לייטער. דער לייטער, אויף וואס דו וועסט דארפן שטייגן, איז גרייט פאר דיר, וואו אימער דו וועסט זיך נאר קערן. דו דארפסט נאר זיין גרייט צו שטייגן אין עבודת השם, איין טריט אויפאמאל.

א גוט שבת!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכיות שמורות